© 2004 אֲמָנִים

לְמַעַן יִשְׂרָאֵל

# גאלאטים

## פרק א

|1| פון שאול א שליח [פון משיח]. איך האב מיין שליחות נישט באקומען פון א בשר ודם  אדער דורך מענטשן  נאר דורך רבי מלך המשיח יהושע און אלוקים אבינו ווער האט אים מחיה-מתים געווען.

|2| אויך פון אלע אחים במשיח ווער זענען מיט מיר: צו די קהילות אין גאלאטיא

|3| חן וחסד ה' און שלום ה' צו אייך פון אלוקים אבינו און פון אדונינו רבי מלך המשיח יהושע.

|4| ווער האט זיך מוסר נפש געווען פאר אונדזערע עבירות כדי אונדז

ארויסצוראטעווען פון דעם שלעכטן וועלט [דעם עלום הזה] לויטן רצון ה' אונדזער ג-ט און פאטער

|5| צו אים זאל זיין תפארת לעולם ועד. אמן.

|6| איך בין נשתומם ווי שנעל איר האט זיך אוועק געריסן פון אים ווער האט

איך גערופן מיט די חסד פון דעם אייבערשטער און איר זייט נאך געגאנגן אן אנדערע ארטיקער בשורת הגאולה

|7| וואס איז נישט קיין בשורת הגאולה בכלל. וואס פאסירט איז אז

עטלעכע מענטשן באַאומרואיקן אייך און פּרובירן איבערצודרייען די אמתע בשורת הגאולה פון רבי מלך המשיחן.

8| אבער אפילו אויבּ מיר [שליחים] איך אדער א מלאך פון הימל וואלט מבשר געווען אן אנדערע "בשורת הגאולה" פארקערט פון די "בשורת הגאולה" וואס מיר האב אייך אנגעזאגט, זאל ער זיין

פארשאלטן אויף אייביק.

9| מיר האבן דאס געזאגט און מיר זאגן ווידער אויב איינער זאגט אן א "בשורת הגאולה" פארקערט פון וואס איר האט באקומען ,זאל ער זיין

## פארשאלטן אויף אייביק

|10| יעצט צי זוך איך צו געווינען מענטשליכע הסכמה אדער הקודש ברוך הוא? אדער זוך איך

צו נושא חן זיין ביי מענטשן? ווייל ווען איך וואלט געזוכט נושא חן זיין ביי

מענטשן ,וואלט איך נישט געווען מער א קנעכט (עבד) פון דעם רבי מלך המשיח.

|11| איך מאך אייך באקאנט , אחים במשיח, אז די בשורת הגאולה וואס איך זאג אן איז נישט פון א בשר ודם.

|12| איך האב עס נישט באקומען פון קיינעם נישט און קיינער האט מיר עס אויסגעלערנט-עס איז געקומען אלס התגלות פון רבי המלך המשיח יהושע.

|13| איר האט געהערט וועגן מיין פריערדיקע תקופה אלס פרומער ייד ווען איך האב געטאן וואס מער צו רודפן די מאמינים און זייער קהילה, דער קהילה פון ה'.

|14| און ווי זייענדיק א קנאי מער ווי רוב יידן פון מיין יארן, פאר

די אלע מנהגים וואס איז מקובל געווארן פון די אבות ,איך בין

געשטיגן אין יידישקייט מער ווי זיי.

|15| אבער ווען ה', וואס האט מיר אויסדערוויילט פאר מיין געבורט און האט מיר גערופן מיט זיין חסד

|16| מיר צו מגלה זיין זון (דער זון פון דער אייבערשטער) כדי איך זאל קענען אנזאגן ווענגן אים צו די גוים. איך האב נישט געפרעגט ביי קיינעם

|17| און איך בין נישט געגאנגען צו ירושלים כדי צו זען זיך מיט די שליחים [פון משיח] וואס זיינען געווען שליחים [פון משיח] פאר מיר.

איך בין גלייך געגאנגען צו אראביא און דערנאך צו דמשק.

|18| דריי יאר שפעטער בין איך געגאנגען נאך ירושלים כדי צו באקענען זיך מיט שמעון כיפא און איך בין געבליבן מיט אים צוויי וואכן.

|19| אבער איך האב נישט געזען קיינער נישט פון די אנדערע שליחים פון משיח חוץ יעקב, דעם ברודער פון אדונינו.

|20| איך שרייב אייך פון די זאכן און איך זאג פאר ה' אז איך זאג נישט

קיין ליגן.

|21| דערנאך בין איך געגאנגען צו סוריא און סיליקיא

|22| אבער אין יהודה די קהילות
האבן מיר נישט געקענט,

|23| זיי האבן נאר געהערט אז דער
מענטש וואס האט אונדז אמאל
גערודפט, יעצט זאגט אן די אמונה
וואס ער אליין האט אמאל געוואלט
פארדארבן

|24| און זיי לויבן ה' פאר מיר